**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 09/29/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פייערט פעדעראלע פינאנצירונג גרענט פאר ניו יארק'ס ערשטע סטעיט וועטעראנען בית הקברות**

***ניו יארק סטעיט וועטעראנען בית הקברות - פינגער לעיקס איז אריין אונטער סטעיט אייגנטום אין פעברואר פון 2023***

***נאציאנאלע בית הקברות אדמיניסטראציע וועט צושטעלן 3.951 מיליאן דאלאר פאר אויסברייטערונג און פארבעסערונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א גרענט פון כמעט 4 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג צו שטיצן אויסברייטערונג און פארבעסערונג פראיעקטן ביי די ניו יארק סטעיט וועטעראנען בית הקברות אין פינגער לעיקס, די ערשטע וועטעראנען בית הקברות אין אייגנטום און אפעראציע פון ניו יארק סטעיט. דאס בויט ארויף אויף די גאווערנער'ס אנאנס איבער די אפיציעלע אוועקשטעלונג פון די סטעיט בית הקברות אין פעברואר פון 2023, און עס ציינכנט אפ א וויכטיגע דערגרייכונג וואס וועט העלפן זיכער מאכן אז די סטעיט קען צושטעלן בכבוד'דיגע באגרעבעניש אפציעס פאר ניו יארק'ס וועטעראנען און זייערע פאמיליעס פאר פילע דורות אין די צוקונפט.

"אונזערע וועטעראנען גיבן אונז אזוי פיל, און עס איז בלויז ריכטיג אז זיי זאלן באקומען א ספעציעלע, בכבוד'דיגע פלאץ צו רוהען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אויפשטעלונג פון די בית הקברות איז א שטאלצע עררייכונג פאר מיין אדמיניסטראציע, און איך בין דאנקבאר פאר מיינע שותפים וועלכע האבן דאס ערמעגליכט. די פעדעראלע פינאנצירונג וועט זיכער מאכן אז די בית הקברות ווערט אויפגעהאלטן אויף די העכסטע סטאנדארט ווי עס פאסט זיך."

אונטער די אויפזיכט פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס ( New York State Department of Veterans' Services, NYS DVS), פארנעמט די ניו יארק סטעיט וועטעראנען בית הקברות אין פינגער לעיקס 162 אקער לענגאויס סענעקא לעיק אין ראַמיולוס, סענעקא קאונטי, און עס איז גלייך נעבן די סעמפסאן סטעיט פארק. די שטח האט 147 אקער לאנד גרייט פאר דעוועלאפמענט און קאנסטרוקציע פראיעקטן צו זיכער מאכן אז עס דינט אלס א בכבוד'דיגע רוה ארט פאר ניו יארק סטעיט'ס העלדן פאר פילע דורות אין די צוקונפט. די בית הקברות געפונט זיך אויף די שטח פון די געוועזענע סעמפסאן נעיווי טרעינירונג סטאנציע און די סעמפסאן לופטוואפע באזע, וואו הונדערטע טויזנטע סאלדאטן האבן זיך טרעינירט דורכאויס דעם צווייטן וועלט קריג און דעם קארעאנער קריג. דאס האט שפעטער פונקציענירט אלץ א ציטוויייליגע קאלעדזש און א צעשיידונג צענטער פאר סערוויס מיטגלידער וואס ווערן באפרייט, און עס האט זיך אפיציעל פארמאכט אין 2000. דער בית עולם געפונט זיך לעבן וואטערלו, די קאמיוניטי האבן אנערקענט אלץ דעם געבורטסארט פון דעם געדענקטאג.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס קאמישאנער, וויוויאנא דעקאָוהען, האט געזאגט,** "עס איז נישטא קיין גרעסערע כבוד ווי דאס זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער וואס האט געדינט אין אונזער לאנד'ס מיליטער ווערט באגראבן אויף דעם בכבוד'דיגן אופן וואס פאסט זיך פאר זייער דינסט און מסירות נפש. די ניו יארק סטעיט וועטעראנען בית הקברות אין פינגער לעיקס גאראנטירט אז אלע ניו יארקער וועלכע האבן געדינט אין מיליטער וועלן האבן א פלאץ וואו צו באקומען זייער לעצטע כבוד אויף פארהייליגטע ערד וואס האט א רייכע היסטאריע פון מיליטערישע דינסט. מיר זענען גאר דאנקבאר פאר גאווערנער האקול, פאר אלע וועלכע האבן אויפגעהאלטן די בית הקברות אין סענעקא קאונטי דורכאויס די יארן וואס עס שטייט שוין און פאר אלע אונזערע שותפים ביי די נאציאנאלע בית הקברות אדמיניסטראציע פאר אלע זייערע באמיאונגען צו אנקומען צו דעם וויכטיגן מאמענט."

**פאראייניגטע שטאטן סענאט מאיאריטעט פירער טשאַק שומער האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט וועטעראנען בית הקברות אין פינגער לעיקס איז א פארהייליגטע ערד פאר טויזנטע אמעריקאנע העלדן וועלכע האבן פארטיידיגט אונזער לאנד. נאכן שטיין אקסל ביי אקסל מיט אונזערע וועטעראן שתדלנים פריער דעם יאר ביים פארזיכערן די קריטישע געלטער וואס זענען נויטיג געווען פאר בית הקברות אויסברייטערונגען און פארבעסערונגען, בין איך שטאלץ היינט צו העלפן אהערשטעלן א סך הכל פון 4 מיליאן דאלאר — א העכערונג פון מער פון פערציג פראצענט פון די אריגינעלע פעדעראלע פינאנצירונג פאר ניו יארק'ס סאמע ערשטע סטעיט וועטעראנען בית הקברות. אונזערע וועטעראנען האבן באשיצט אונזערע פרייהייטן, און די געלטער וועלן באערן זייער דינסט דורכן פארזיכערן א פאסיגע לעצטע רוה ארט פאר די העלדישע מענער און פרויען און זייערע פאמיליעס וועלכע האבן געדינט אונזער לאנד."

**קאנגרעסמאן דזשאָו מארעלי האט געזאגט,** "אונזערע וועטעראנען און זייערע פאמיליעס האבן געטוהן אלעס אין פארטיידיגונג פון אונזער געוואלדיגע לאנד, און עס קומט זיך זיי צו פאראייביגט ווערן אין א לעצטע רוה ארט וואס פאסט זיך פאר זייער דינסט. נעמענדיג אין באטראכט די פאקט אז 'מעמאריעל דעי' איז געבוירן געווארן אין די דערנעבנדע וואטערלו, קען איך נישט טראכטן פון קיין סאך פלעצער אין די פינגער לעיקס ראיאן וואס זענען פאסיגער פאר די כבוד, און מיר דארפן טוהן אלעס וואס מיר קענען עס צו פרעזערווירן. איך בין שטאלץ צו זעהן די שטאפל פון פעדעראלע פינאנצירונג צו אויסברייטערן און פארבעסערן די וועטעראן'ס בית הקברות אין אונזער געגנט, און איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר שטיצע פון אונזער מיליטער."

**טשעירמאן פון סענעקא קאונטי באורד אָוו סופערווייזארס, מייקעל ענסלאו, האט געזאגט,** "מיר זענען דערפרייידט צו הערן אז די נאציאנאלע בית הקברות אדמיניסטראציע אינוועסטירט 3.91 מיליאן דאלאר אין גרענט פינאנצירונג אין די סטעיט'ס ערשטע וועטעראן'ס בית הקברות דא אין סענעקא קאונטי אין ראַמיולוס, NY. עס איז אן אמת'ע כבוד צו זעהן די שווערע ארבעט פון אזויפיל מענטשן אנגייענדיג. די געלטער וועלן זיכער מאכן אז מיר קענען אנהאלטן די אנערקענונג פון די וועטעראנען וועלכע האבן געדינט און באצאלט מיט זייער לעבן פאר אונזער לאנד."

**סענעקא קאונטי מענעדזער, קייל לאוועל, האט געזאגט,** "היינט באערן מיר אונזערע לאנד'ס העלדן דורכן אינוועסטירן 3.91 מיליאן דאלאר אין גרענטס צו העלפן אויפהאלטן און פארבעסערן די ניו יארק סטעיט וועטעראנען אין ראַמיולוס. די ברייטהארציגע גרענט פון די נאציאנאלע בית הקברות אדמיניסטראציע וועט אונז העלפן זיכער מאכן אז די מסירות נפש פון אונזערע וועטעראנען ווערן פאר אייביג געדענקט און אז זייער ירושה ווערט טייער געהאלטן. איך בין געוואלדיג דאנקבאר צו זיין א טייל פון סענעקא קאונטי'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו באערן אונזערע וועטעראנען, און די גרענט וועט העלפן זיכער מאכן אז די ניו יארק סטעיט וועטעראנען בית הקברות וועט שטיין אלס אן אייביגע אנדענק צו די וועלכע האבן געדינט אונזער לאנד מיט העלדישקייט און עהרע."

די פעדעראלע פינאנצירונג וואס איז היינט אנאנסירט געווארן איז די פרוכט פון א פראצעדור וואס האט זיך אנגעהויבן אין 2022, ווען די נאציאנאלע בית הקברות אדמיניסטראציע (National Cemetery Administration, NCA) האט געשאנקען פאר ניו יארק סטעיט א 2.8 מיליאן דאלארדיגע גרענט געלעגנהייט פאר פראיעקטן פארבינדן מיט די ניו יארק סטעיט וועטעראנען בית הקברות אין פינגער לעיקס. נאכפאלגנדיג א דעזיין און פלאנירונג פאזע דורכאויס וועלכע די NYS DVS האט געארבעט פון די נאענט מיט סענעקא קאונטי און מיט די NCA צו פארזיכערן אז דער פראיעקט וועט נאכקומען די פעדעראלע באדינגונגען, האט די NCA פארגרעסערט ניו יארק סטעיט'ס ענדגילטיגע גרענט סומע מיט איבער 40 פראצענט צו 3.951 מיליאן דאלאר. די פינאנצירונג וועט ערלויבן מאדערניזירונגען צו געמאכט ווערן, אריינרעכנענדיג אן אש פעסער צימער, אויפהאלטונג געביידע, אויפהאלטונג הויף און שטיצנדע אינפראסטרוקטור.

ניו יארק סטעיט איז א היים צו איבער 688,000 וועטעראנען, און ביז גאווערנער האקול'ס אדמיניסטראציע האט [אויפגעשטעלט](#) די ניו יארק סטעיט וועטעראנען בית הקברות אין פינגער לעיקס, איז ניו יארק געווען איינס פון בלויז געציילטע סטעיטס אריבער דאס לאנד וועלכע האבן נישט געהאט א פעדעראל-אנערקענטע וועטעראנען בית הקברות אין די סטעיט אייגנטום און אפעראציע. די ניו יארק סטעיט וועטעראנען בית הקברות אין פינגער לעיקס איז אפן פאר באגרעבונג פון אלע בארעכטיגטע וועטעראנען (לויט די אפטייטשונגען פון פעדעראלער געזעץ) און בארעכטיגטע פאמיליע מיטגלידער.

**איבער די דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס**

די [ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס](#) – וואס האט געדינט אלץ די סטעיט'ס שתדלנות אגענטור פאר וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס זינט 1945 – האלט זיך צו א פארפליכטונג אין די אגענטור צו באדינען אלע וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס מיט א ברייטע רייע פון סערוויסעס, אריינרעכנענדיג מיט קלעימס און אפעלירונגען פאר בענעפיטן פון די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט פון וועטעראנען אנגעלעגנהייטן (Department of Veterans Affairs), אפעלירונגען פאר די טיטל נאכן באפרייט ווערן צו די פאראייניגטע שטאטן פארטיידיגונג דעפארטמענט (Department of Defense) און מיט קלעימס פאר ניו יארק סטעיט בענעפיטן. וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס ווערן געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די דעפארטמענט אויף 888-838-7697 אדער אויף איר וועבזייטל [veterans.ny.gov](#) זיך צו טרעפן מיט א טרעניגרטער וועטעראנען בענעפיטן אדווייזאר – פנים אל פנים אדער פונדערווייטנס – צו אדרעסירן זייערע באדערפענישן און צו באקומען די פולשטענדיגע סומע פון בענעפיטן וואס קומט זיך זיי. פאלגט נאך DVS אויף [פעיסבוק](#), [אינסטאגראם](#) און [טוויטער](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן